# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................7:45

מוצאי שב"ק....................9:13

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...............מלכים-ב י"א-י"ב

בבלי.......................שבת ס"ד

ירושלמי...................ביצה כ"א

תוספתא...................כלאים ה'

רמב"ם..................סנהדרין כ'


פרשת אמור, ט"ו אייר, אבות פרק ד', שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 33 (447)


# אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## לֹא יִקְרְחוּ קָרְחָה בְּרֹאשָׁם

דוּ הָאסְט זִיכֶער אַ זֵיידֶע אָדֶער אַ בַּאבֶּע וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין גֵיהִנּוֹם בַּיי דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם, הָאסְטוּ זִיכֶער גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער; עֶס לָאזְט זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט גְלֵייבְּן וִוי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהַאט כֹּחַ דָאס אִיבֶּער צוּ לֶעבְּן, אוּן עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי כֹּחַ נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, נָאכְן זֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וִוי מֶען הָאט זֵיי אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען, אוּן אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'ט זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; נָאר דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מְמֵילָא הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פוּן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמַאר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג מַרְגָּלִיּוֹת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעפְרֶעגְט וֶועם קֶען מֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאט אִים דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט זֶען אַ אִיד צִיט אַרוֹיף זַיין אַרְבֶּעל צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, אוּן אוֹיף זַיין הַאנְט אִיז דָא אַ נוּמֶער פוּן דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם, דֶעם אִיד קֶען מֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל אוּן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה"; וַוייל אַ אִיד וָואס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנּוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן דָאס דוּרְךְ גֶעלֶעבְּט, הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן טוּט אָן טַלִּית וּתְפִילִין - דֶער אִיד אַ צַדִיק.

דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע זְמַן, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל נִישְׁט מֶער גֶעדַאכְט, זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶעזוּנְט, וַוייל אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט; מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן מוֹהֲרָא"ש קֶען מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן; שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶען הָאט גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז עֶס גֵייט אִים טַאקֶע גוּט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר הָאט אַלֶעס וְכוּ', וָואס וֶוער עֶס וֵוייסְט אִיז עֶס גֶעוֶוען פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין בִּיטֶערֶע יִסוּרִים מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ (זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט פַארְצֵיילְן וד"ל), מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה: "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל, וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרֹב צַעַר וְעַגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גוּזְמָא, אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג מַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דִי יִסוּרִים וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער - סֵיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן סֵיי פוּן שְׁטוּבּ; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אוֹיף אִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש בַּיינַאכְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס פַארֶעכְטְן; עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ וְכוּ' אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע דֶעפְּרֶעשְׁן. בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט דָארְט בַּיי מוֹהֲרָא"ש, טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ: 'אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן', אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט מַחְשָׁבוֹת פוּן אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, עֶס אִיז אִים אַרַיין גֶעקוּמֶען מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן וְכוּ'', בְּקִיצוּר, אַלֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט וֶוען עֶר אִיז מָרָה שְׁחוֹרָה; פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַרוֹיס מוֹהֲרָא"שׁ מִיט דֶעם שְׁמֵייכְל וָואס עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעהַאט, אוּן זָאגְט אִים: "יַעֲנְקְל, וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן?" רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִינְגֶערְמַאן: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, זִי טְרִינְקְט מִיר מַיין בְּלוּט וְכוּ' וְכוּ'", זָאגְט אִים מוֹהֲרָא"ש: "אוּן אַז מֶען הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ וָואס טְרִינְקְט דָאס בְּלוּט אִיז אַן עֵצָה צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן? קוּם טַאנְצְן"; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אִים: "יַעֲנְקְל, מִיר גֵייט אוֹיךְ שְׁוֶוער אִין לֶעבְּן, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה צוּ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה", אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט אִים פַאר אַפָּאר מִינוּט; דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר פַארְצֵיילְט, אַז וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מַיין וַוייבּ אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט וְכוּ' וְכוּ'', נָאר דִי מָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס מַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת; וֶוען מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אָדֶער אַ בָּחוּר וָואס אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, פְלֶעגְט עֶר אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן; דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן, אוּן דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער שְׁטְרֶעבְּן - צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ לְךָ תשע"ח)

# מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

## לַ"ג בָּעוֹמֶר

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק". צַדִּיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִּיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיּוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח

<<<<<<

# א גוט ווארט

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין! עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַן אַלְטֶער חָסִיד, אַן אַלְטֶער צַדִיק, אַלְט אִיז נִישְׁט גוּט"; מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנַייעֶן, נִישְׁט נָאכְגֵיין דֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל נָאר דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַלְט. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דֶערְפַאר רוּפְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע מִיטְ'ן נָאמֶען (קֹהֶלֶת ד, יג): "מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל", אַן אַלְטֶער נַארִישֶׁער קֶענִיג, וַוייל דָאס אִיז זַיין אַרְבֶּעט, עֶר מַאכְט אוּנְז אַלְט; דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר גֵיין פַארְקֶערְט פוּן אִים אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן פִּסְקָא ו, הוּבָא בְּבֵית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים רֵישׁ סִימָן סא): "בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ כַּחֲדָשִׁים", יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ נֵייעֶ זַאךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תש"פ)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מַאךְ אַ תְּהִלִּים סִיּוּם פַאר דַיין קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. אַוַדַאי זָאלְט אִיר מַאכְן אַ סִיּוּם פַאר אֵייעֶר קִינְד וָואס הָאט גֶעעֶנְדִיגְט תְּהִלִּים; דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין חֵשֶׁק אוּן רָצוֹן וַוייטֶער צוּ זָאגְן תְּהִילִים. עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט יֶעדֶעס וָוארְט אָדֶער נִישְׁט, צִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט דֶעם גַאנְצְן תְּהִילִים אָדֶער אוֹיסְגֶעלָאזְט וְכוּ', דֶער סִיּוּם וֶועט אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען זֶעלְבְּסְטְזִיכֶערְקֵייט.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַמָאל הָאט פַּאסִירְט בַּיים גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים וַואלָאזְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אוּן עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד - אַ גֶעשֶׁעפְטְסְמַאן, אוּן רֶבִּי חַיִּים הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִים מְלֹא קוֹמָתוֹ! שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים אִים גֶעפְרֶעגְט הֲיִתָּכֵן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַ פָּשׁוּטֶ'ע אִיד, עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין כְּבוֹד הַתּוֹרָה, הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער אִיד הָאט שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען גַאנְץ שַׁ"ס, הָאבְּן זִיךְ דִי תַּלְמִידִים צוּלַאכְט... וִוי גֶעזָאגְט 'וָואס הָאט שׁוֹין זַיין שַׁ"ס בִּכְלַל אַ חֲשִׁיבוּת, עֶר אִיז דָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין לַמְדָן בִּכְלַל', הָאט זֵיי רֶבִּי חַיִּים גֶעזָאגְט: "לַאכְט נִישְׁט! אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶס אִיז דָא אַן אַלְטֶע שַׁ"ס 'דְפוּס זַאלְצְבַּאךְ' וָואס אִיז פוּל מִיט טָעוּתִים, עֶס פֶעלְט גַאנְצֶע שׁוּרוֹת גְּמָרָא; שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעדְרוּקְט אַ נֵייעֶ שַׁ"ס 'דְפוּס אַמְסְטֶערְדַאם' וואוּ מֶען הָאט פַארְרָאכְטְן אַלֶע גְרַייזְן אוּן אַלֶעס וָואס פֶעלְט, מֶען הָאט אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט הַגָּהוֹת פוּן גְדוֹלִים; מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אוֹיף שַׁ"ס זַאלְצְבַּאךְ אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שַׁ"ס, עֶס אִיז זִיכֶער אַ שַׁ"ס, נָאר אַ שַׁ"ס מִיט גְרַייזְן, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט דֶעם פָּשׁוּטְ'ן אִיד, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, נָאר וָואס דֶען? עֶס הָאט טָעוּתִים, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַלֶעס - אִיז עֶר נִישְׁט עֶרְגֶער פוּן שַׁ"ס זַאלְצְבַּאךְ".

זָאלְט אִיר זִיכֶער מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן אֵייעֶר זוּן וָואס גֵייט עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִיט גְרַייזְן אוּן חֲסֵרוֹת, דָאס וֶועט אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ חֵשֶׁק צוּ גֵיין וַוייטֶער.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אִים פַארֶערְכְטְן עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען גוּט עִבְרִי; מַאכְט אַ פְּרָאגְרַאם עֶר זָאל וֶועלְן זָאגְן עִבְרִי. עֶס זֶענֶען דָא סְפֶּעצִיעֶלֶע סְפָרִים אוֹיסְצוּלֶערְנֶען קִינְדֶער זָאגְן עִבְרִי; מַאכְט דָאס פְּרִיוַואט כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן. אוֹיךְ וֶוען אִיר טַייטְלְט אוֹיפְ'ן וָוארְט אוּן עֶר זָאגְט נִישְׁט גוּט דַארְפְט אִיר נִישְׁט זָאגְן: "נִישְׁט גוּט", נָאר בְּלַייבְט מִיטְ'ן פִינְגֶער אוֹיפְ'ן וָוארְט וֶועט עֶר וִויסְן אַז עֶר דַארְף טְרַאכְטְן אוּן צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ וָואס עֶר זָאגְט, אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן גוּט דָאס וָוארְט. אוּן וֶוען עֶר זָאגְט גוּט דָאס וָוארְט זָאלְט אִיר אִים זָאגְן הוֹיךְ מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אַ מְחַיֶּה!" אוּן אַז עֶר הֵייבְּט אָן אַ וָוארְט הַאלְבְּוֶועגְס גוּט אוּן אִינְמִיטְן לוֹיפְט עֶר צוּם קוּמֶענְדִיגְן וָוארְט אוּן זָאגְט נִישְׁט גוּט, זָאלְט אִיר אִיבֶּערְזָאגְן דִי חֵלֶק וָוארְט וָואס עֶר הָאט גוּט גֶעזָאגְט אוּן בְּלַייבְּן שְׁטִיל, וֶועט עֶר פַארְשְׁטֵיין אַז עֶר דַארְף דָאס אִיבֶּערְזָאגְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן קִינְד בַּאזוּנְדֶער אַז אַלֶע זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר**
**זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תש"פ)

>>>>>>

לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִּיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִּיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיּוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיּוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִּיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

### אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקֶל

דִי וָואס פָּארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן וִויסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָּׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ וִוינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נִשְׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְּדִים, אַשְׁכְּנַזִּים אוּן סְפָרַדִּים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם. אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זִי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיּוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן דֶערְפַאר פָּארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיּוּן, אוּן פוֹעֶלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

### שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סֵיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאִי אַז זֵיי וִוילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶּער אַזוֹי וִוי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט. וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סֵיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. זֶעט מֶען וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

# פֶּסַח שֵׁנִי – אִיךְ וִויל אוֹיךְ

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת אִין יֶעדְן מַצָב. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט "לָמָּה נִגָּרַע?" - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֶוייניגֶער? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסָר הַשֵּׂכֶל פַאר יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן דוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶן אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְ'ן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶער מַמָשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן. הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, "דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסָר הַשֵּׂכֶל, וִוי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּערְ'חַזֶרְ'ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') "קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן" (שָׁם, קי"ב), וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אָבֶער גֶעדֶענְקֶן אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי מִיר זֶען אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

## אַ הִימְל מֶענְטְשׁ

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אוּן רוּחְנִיוּת אִינְאֵיינֶעם. עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם. אָבֶער דֶער אֱמֶת זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ה, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם, פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק י"ד עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

### וִוי אַזוֹי הִיט מֶען דִי קִינְדֶער פוּן קַשְׁיוֹת אוֹיף אֱמוּנָה פוּן אַ קָרוֹב?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם וִויל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, ס'גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן אִין אַלֶע תְּחוּמִים, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוּמְגֵיין מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד.

אִיךְ הָאבּ אַ קָרוֹב וָואס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹת, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְקְלֶערְט אַלְס אֶפִּיקוֹרֶס, אוּן עֶר קוּמְט אַסַאךְ צוּ מַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים, אוּן ס'שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט, בִּפְרַט וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ ווִיסְן צִי מְ'קֶען אִים מְצָרֵף זַיין צוּ מִנְיָן, צוּם דַאוֶוענֶען אָדֶער בֶּענְטְשְׁן, אוּן בִּכְלַל וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא פַאל.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דָאס אִיז וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן.

מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְגֵיין קִינְדֶער פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס זַיינֶע חֲבֵרִים רֶעדְן? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס עֶר הֶערְט אִין גַאס? וָואס וֵוייסְטוּ מִיט וֶועם עֶר חַבֶרְ'ט זִיךְ? לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעפַאלֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען פַארְדְרֵייעֶן קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ מִיט כְּלוֹמֶרְ'ישֶׁע קַשְׁיוֹת, וָואס נָאר מִיט אַ קְלֵיינֶע קָאפּ אִיז דָאס אַ קַשְׁיָא. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לב) מֶען פְרֶעגְט פוּן אַ קִינְד אַ שְׁאֵלָה, אַז בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּבּ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשָׁאסְן אַ פֶענְסְטֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פֶענְסְטֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן צִימֶער אוּן גֶעלֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער, פְרֶעגְט מֶען דָאס קִינְד: "פַארְוָואס הָאט מֶען אַרוֹיס גֶענוּמֶען דִי פֶענְסְטֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן צִימֶער אוּן גֶעלֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער, אַמֶער, דִי פֵייגְל קֶען דָאךְ יֶעצְט אַרוֹיס פְלִיעֶן פוּן יֶענֶעם צִימֶער, וָואס הָאט מֶען אוֹיפְגֶעטוּן?!" וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים דִי קַשְׁיָא לֵייגְט מֶען אַרַיין דֶעם תֵּירוּץ אִין דִי קַשְׁיָא, בְּלַייבְּט דָאס קִינְד צֶעמִישְׁט מִיט דִי קַשְׁיָא; אֵיי דִי קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פֵייגְלֶעךְ, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם פֶענְסְטֶער עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַאלְט וְכַדוֹמֶה, אָבֶער דֶער קְלֵיינֶער מֹחַ בְּלַייבְּט פַארְטוּמְלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

אַז מֶען וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אִיז דָא אֵיין עֵצָה: "רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה"; וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט, מַמָשׁ מֶען זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): אוֹיף דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (מִשְׁפָּטִים צה.): "עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְלֵית לָהּ עֵינִין, גוּפָא טְמִירְתָּא וְאִתְגַלְיָא, נָפְקַת בְּצַפְרָא וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא, מִתְקַשְׁטַת בְּקִשּׁוּטִין דְלָא הֲווֹ"; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי: עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא - דָאס אִיז אֱמוּנָה, אָבֶער דְלֵית לָהּ עֵינִין - עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אוֹיגְן, דָאס הֵייסְט מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גוּפָא טְמִירְתָּא - דִי אִיז בַּאהַאלְטְן, וֶוען דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אֵיינֶער וָואס הָאט אֱמוּנָה עֶר זָאל דִיר מַסְבִּיר זַיין אַ טַעַם אוּן אַ סְבָרָה אִין דִי אֱמוּנָה, וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, וַוייל אַז מֶען פְרֶעגְט אַ מַאֲמִין בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זַיי מַסְבִּיר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, קֶען עֶר דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער וְאִתְגַלְיָא - בַּיי אִים אִיז עֶס אַזוֹי קְלָאר, אַזוֹי וִוי עֶר זֶעט דָאס מִיט דִי אוֹיגְן. נָפְקַת בְּצַפְרָא - יֶעדְן צוּפְרִי וֶוערְט צוּרִיק בַּאנֵייט דִי אֱמוּנָה, וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא - אוּן דוּרְכְ'ן טָאג וֶוערְט עֶס פַארְדֶעקְט, וַוייל מֶען וֶוערְט אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי אַרְבֶּעט אוּן מֶען לוֹיפְט נָאךְ גֶעלְט, צוּבִּיסְלֶעךְ פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ אִים מְצָרֵף זַיין צוּ מִנְיָן וְכוּ'; עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דִי אַלֶע נִישְׁט קַיין אֶפִּיקוֹרְסִים, זֵיי זֶענֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע דֶעפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן אוּן זֵיי דַארְפְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, דֶעריבֶּער זָאגְן זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גְלוֹיבִּיגֶע, מֵיינֶענְדִיג אַז אַזוֹי וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (עֶטֶענְשָׁאן), אָבֶער טִיף אִין הַארְץ גְלֵייבְּן זֵיי אוֹיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר טוּט אַלֶעס.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס לֵייגְן אַרַיין אַסַאךְ אֱמוּנָה מִיט שִׂמְחָה אִין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זֶען אַסַאךְ נַחַת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תש"פ)



**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (סב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין עַכּוֹ אוֹיף שַׁבָּת, אוּן דֶערְוַוייל וֶוערְט דִי שְׁטָאט פַארְשְׁלָאסְן, אוּן מְ׳גְרֵייט זִיךְ אוֹיף מִלְחָמָה.**

**רעד**

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אִיז דֶער שִׁיפְ׳ס אַגֶענְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט אַז מְ׳קֶען מֶער נִישְׁט טְרֶעפְן אַ שִׁיף פוּן רֶעגַאז, סְ׳אִיז נָאר דָא אַ שִׁיף פוּן אַרַאבִּישֶׁע סוֹחֲרִים וָואס פָארְט קַיין אִיסְטַאנְבּוּל מִיט סְחוֹרָה. אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט אוּן גֶעזָאגְט, "כָאטְשׁ וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה יֶעצְט צוּ פָארְן מִיט שִׁיף מִיט סְחוֹרָה, וַוייל דִי סָאלְדַאטְן אוֹיף דִי קְרִיגְ׳ס שִׁיפְן נֶעמֶען אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ פִילֶע שִׁיפְן, פוּן דֶעסְט וֶוען הַאלְט אִיךְ אַז סְ׳לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ צוּ נֶעמֶען דִי רִיזִיקֶע, וִוי אֵיידֶער צוּ בְּלַייבְּן דָא אִין שְׁטָאט, וָואס אִיז פִיל אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז סְ׳אִיז אַרוֹיס אַ בַּאפֶעל אַז בִּיז צְוֵויי דְרֵיי טֶעג הוֹיבְּט זִיךְ דָא אָן דִי מִלְחָמָה, אוּן סְ׳וֶועלְן זִיכֶער גֶע׳הַרְגְ׳ט וֶוערְן פִילֶע מֶענְטְשְׁן אִין שְׁטָאט. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל מִיר מַתִּיר זַיין צוּ גֵיין שׁוֹין יֶעצְט דִינְגֶען אַ שִׁיף, כָאטְשׁ וָואס סְ׳אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אִיז עֶס אָבֶער פִּקוּחַ נֶפֶשׁ וָואס אִיז דוֹחֶה שַׁבָּת (שַׁבָּת קל"ב.)".

**רעה**

דֶער שִׁיפְ׳ס אַגֶענְט אִיז טַאקֶע גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעקוֹיפְט אַ בִּילֶעט אוֹיפְ׳ן שִׁיף, אוּן גֶעגֶעבְּן אַ גָאלְדֶענֶעם רֶענְדְל פַאר אַיינְגַאבֶּע.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה
גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## שמחה ביי אנשי שלומינו, צום געבורט פונעם ערשטן אייניקל ביים ראש ישיבה שליט"א

א גרויסע שמחה הערשט ביי אנשי שלומינו מיט די נייעס אז עס איז געבוירן געווארן א אינגל למזל טוב צו הר"ר שלמה ראטה הי"ו, דער עלטסטער זון פונעם ראש ישיבה שליט"א און איידעם פון הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב פרעמישלאן קרית יואל.

יעצט אין די צייט פון די געהויבענע שמחה ביים ראש ישיבה שליט"א - וואס איז זיך מוסר נפש און עס גייט אים אין לעבן אז נאך אידן זאלן האבן א גוט לעבן מיט'ן אייבערשטן, אידן זאלן מצליח זיין אין לעבן, האבן שלום בית, און עכט אידיש נחת פון די קינדער - וואונטשן אים אלע אנשי שלומינו אז ער זאל ווייטער קענען ברענגען אידן צום אייבערשטן און ווייטער קענען פארשפרייטן די גוטע עצות פון הייליגן רבי'ן אויף די גאנצע וועלט, כאוות נפשו, און ער זאל זען אידיש נחת ביי זיינע קינדער און אייניקלעך.

אזוי אויך פאר'ן זיידן הר"ר יואל טייטלבוים שליט"א וואס איז דער איבערגעגעבענער גבאי פונעם ביהמ"ד היכל הקודש אין קרית יואל, א לעכטיג ווינקל אינעם עצי תמרים קווארטל, וואו אידן פון די גאנצע שטאט וואס זוכן א גוט ווארט און אן עצה פאר'ן לעבן ווייסן אז דארט קען מען קען שטענדיג באקומען לופט צום אטעמען און חיות ווייטער אנצוגיין מיטן לעבן. יעצט ווען עס איז געבוירן געווארן אן אייניקל ביי הר"ר יואל שליט"א איז די וואונטש פון אנ"ש אז ער זאל ווייטער קענען אנגיין מיט זיין עבודת הקודש, און קענען מפיץ זיין די ליכטיגקייט פון הייליגן רבי'ן לכל דורש ומבקש, און ער זאל האבן אסאך אידיש בײ די קינדער און אייניקלעך.

אין דער צייט איז אויך דער וואונטש פון אנשי שלומינו צום בעל שמחה הר"ר שלמה שליט"א, מרבני כולל היכל הקודש ברסלב, וואו ער לערנט מיט גרויס התמדה טאג טעגליך און איז זיך משלים אין תורה והוראה, אז ער זאל ווייטער שטייגן בתורה און יראת שמים און ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט אמן.

**סימן טוב ומזל טוב יהא לנו ולכל ישראל!**

***

## סיום מסכת ראש השנה 101 מאל

אין די יעצטיגע קאראנע צייטן, ווען אלעס איז פארשלאסן און פארזיגלט, גייען אבער די בחורים פון ישיבה אן מיט זייערע שיעורים כסדרן, יעדער איינער וואו ער געפונט זיך, און נוצן אויס די צייט על התורה ועל העבודה. שמועסן און פארברענגען מיט חברים קען מען דאך סיי ווי נישט יעצט, דערפאר איז עס די פאסיגסטע צייט ארייינצוכאפן ווי מער תורה, יעדער לערנט וויפיל ער קען לויט זיין דרגא, און מ'הערט כסדר פילע סיומים פון בחורי הישיבה.

די וואך האט הבחור החשוב לייבי ראטה נ"ו, זוכה געווען צו מאכן א סיום אויף מסכת ראש השנה, וואס ער האט געלערנט 101 מאל. דער ראש ישיבה שליט"א איז מעודד די בחורים אז נאכדעם וואס זיי זענען זוכה צו ענדיגן גאנץ ש"ס, זאלן זיי נעמען איין מסכתא און עס איבערגיין 101 מאל, און דערנאך נעמען נאך א מסכתא און איבערלערנען 101 מאל, און אזוי ווייטער.

דער חשובער בחור המסיים האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס, און אויך 101 מאל מסכת תענית, און יעצט האט ער זוכה געווען צו ענדיגן 101 מסכת ראש השנה. אויסער די פילע אנדערע שיעורים כסדרן וואס לערנט און איז מסיים כסדר.

ביים סיום האט דער ראש ישיבה שליט"א שטארק ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון א בחור וואס נוצט אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין, ספעציעל אין די יעצטיגע צייט ווען ס'איז סיי ווי נישטא וואו צו גיין און קומען, קען א בחור מיט שכל זוכה זיין ארייינצוכאפן גאר אסאך תורה.

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל ווייטער קענען שטייגן בתורה ועבודה, און האבן אלעס גוטס אין לעבן.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**

# סימן טוב ומזל טוב

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די חיזוק און עצות, שיעורים און דרשות; וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צום געבורט פון אן אייניקל, א אינגל ביי בנו בכורו**

מו"ה **שלמה ראטה** שליט"א

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך און תלמידים, דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, ארייינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אשר לעווי** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה יונה זינגער שליט"א

**מרבני כולל היכל הקודש ברסלב**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט. דורות ישרים ומבורכים

# מסדר זיין דעם טאג

**מ'זיצט אינדערהיים, נישטא וואו צו קומען און גיין, ווי אזוי איז מען זיך מסדר דעם טאג?**

הערט א רייכע שיעור אין דעם נושא:

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 6, 2, 8**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**